ב"ה

# צעירי השלוחים

"פארבינדען צעירי השלוחים ארום דער וועלט"



A project of The Shluchim Office

## י' אדר תשס"ו "משנכנס אדר מרבין בשמחה" פרשת תצוה

א פריילעכן פורים טייערע קינדער שלוחים!
אמאל איז געווען א קעניג וואס איז ניט געווען צופרידן. מען האט אלץ געפרואווט אויפצוהייבן זיין געמיט, אבער ער איז נאך אלץ געבליבן טרויעריג. מען האט פאר אים געשפילט מוזיק, און געטאנצט, אבער א שמייכל איז אויף זיין פנים ניט געקומען. מען האט געבראכט שפילערס וואס האבן פאר אים זיך נאריש געמאכט, אבער ער האט ניט געלאכט. מען האט ניט געוואוסט וואס צו טאן פאר אים! צו קויפן פאר אים מתנות וואלט אויך ניט געהאלפן ווייל ער האט געהאט אלץ וואס ער האט געוואלט.
איינער האט געהאט אן איינפאל. זאל דער קעניג העלפן אימיצען. דער קעניג איז אויפגעשטאנען פון זיין קעניגליכן טרוין און האט געהאלפן אן עלטערן מענטש שלעפן זיינע פעקלאך. די פרייד וואס ער האט געפילט ווען ער האט געהאלפן דעם מענטשן איז געווען אויסערגעוויינליך. מיט יעדען טריט איז ער געווארן נאך מער צופרידן! פון יעמאלט אן ווען דער קעניג איז געווען אין א ניט-גוטער שטימונג, האט ער געזוכט אימיצען וואס דארף א הילף, און ער האט אים געהאלפן!
דער קעניג האט עפעס געזען וואס לערנט אונז א וויטיקע הוראה. שמחה קומט ניט פון וואס מען האט, נאר פון וואס מען גיט צו א צווייטן. דורך אהבת ישראל קומט מען צו אמת'ער שמחה. און דורך אהבת ישראל און שמחה ברענגן מיר משיח נאו!
א פריילעכן פורים!

א. וועכטער



## לעבן מיט דער צייט

### פרשת תצוה

קונטרס פורים קטן תשנ"ב

י"ד אדר א' (פורים קטן) תשנ"ב האט דער רבי אליין אויסגעטיילט צו מענער, פרויען און קינדער א קונטרס, אין וועלכען ס'איז געווען אפגעדרוקט דער מאמר "ואתה תצוה" פון י' אדר ראשון תשמ"א.

דער מאמר הויבט זיך אן מיט די ווערטער **"ואתה תצוה את בני ישראל ויקחו אליך שמן זית זך כתית למאור להעלות נר תמיד."** דו זאלסט אנזאגן די אידן און זיי זאלן ברענגן צו דיר ריינע בוימל וואס ווערט אויסגעקוועטשט פאר'ן באלויכטער (די מנורה), אנצוצינדען א שטענדיקן ליכט.

דער רבי ערקלערט דארט אין דעם מאמר, אז די ווערטער "ואתה תצוה" - און דו משה זאלסט זיי אנזאגן – מיינט אויך אז משה איז *מצוה* פון דעם לשון *צוותא* - ער *פארבינדט* אידן מיטן אויבערשטן.

דער רבי ערקלערט ווייטער, אז אין יעדען דור איז פאראן א משה - א נשיא וואס פירט די אידן און פארבינדט זיי מיט דעם אויבערשטן.

אין יעדען דור האבן אידן אנדערע שוועריקייטן - אין דער צייט פון מרדכי האט מען געוואלט הרג'נען אלע אידן ר"ל; אין דער צייט פון דעם פריערדיקן רבי'ן איז געווען זייער שווער אין רוסלאנד, און אפילו דא אין אמעריקא איז שווער פאר אידן - צוליב די גוי'אישקייט פון וועלט – צו זיין שטארק אין אידישקייט.

דער רבי זאגט, אז דער נשיא העלפט אידן צו זיין שטארק אין זייער *אמונה* אין אלע אומשטענדן. דער נשיא העלפט אידן צו פילן צוטרייסלט פון דעם וואס מען איז נאך אלץ אין גלות, און אז מען מוז שוין האבן די גאולה.

דער מאמר – דעם לעצטען וועלכן מיר האבן זוכה געווען צו באקומען פון דעם רבי'נס הייליקער האנט ביז היינט –איז גאר א וויכטיקער מאמר. דער מאמר גיט אונז צו פארשטיין דעם תפקיד פון א נשיא, און ווי וויכטיג עס איז צו זיין פארבונדן מיט דעם נשיא, ווייל ער פארשטארקט אונזער אמונה און פארבונד מיט דעם אויבערשטן. דורך דעם טוען מיר אונזער עבודה ווי עס בעדארף צו זיין, און מיר ברענגן משיח שוין איצטער!



## משיח נאו!

ווען עס שטייט אין פסוק וועגן מחיית עמלק – אויסמעקן עמלק – שטייט "כי יד על כס י-ה" ווייל דער אויבערשטער הויבט אויף זיין האנט אויף זיין בענקל. דאס מיינט אז דער אויבערשטער שווערט אז עמלק וועט אויסגעמעקט ווערן. דאס ווארט "כס" איז א קיצור פון דעם ווארט "כסא"– א בענקל, און דאס ווארט "י-ה" איז א קיצור פון דעם נאמען פון ה'. מיר זעען פון דא אז ביז עמלק וועט אויסגעמעקט ווערן זיינען דעם אויבערשטענ'ס בענקל און זיין הייליגער נאמען ניט גאנץ.

נאר ווען מיר וועלן אינגאנצן אויסמעקן עמלק וועט דעם אויבערשטענ'ס בענקל און נאמען זיין גאנץ, און דאס וועט זיין אין די צייט פון דער גאולה האמיתית והשלימה!

A project of CHINUCH YALDEI HASHLUCHIM a division of the Shluchim Office
816 Eastern Parkway, Brooklyn, NY 11213 ~ (718) 221-0500 x317 ~ cyh@shluchim.org

# דערציי'ל מיר א מעשה



## פורים מיט ר' לוי יצחק פון בארדיטשעוו

די זון איז פארגאנגען אין בערדיטשעוו. תענית אסתר האט זיך געענדיקט און דער פרייליכער יום טוב פון פורים האט זיך אנגעהויבן. די שול פון ר' לוי יצחק פון בערדיטשעוו איז געווען אנגעפאקט. יעדער איינער האט געווארט אז ר' לוי יצחק זאל ארויפגיין אויף דער בימה צו דאווענען מעריב און ליינען די מגילה.

דער שמש איז אריבערגעגאנגען צו ר' לוי יצחק און האט אים עפעס שטילערהייט געזאגט אין זיין אויער. ר' לוי יצחק איז ארויסגעגאנגען פון שול און איז אריין געגאנגען אין א צווייטן צימער. דארטן איז געווען אן ארימע פרוי מיט א הינדל וואס איז ערשט גע'שחט'ן געווארן.

זי האט דערציילט פאר ר' לוי יצחק איר שאלה. ווען זי האט געזאלצן דאס הינדל איידער זי האט עס געקאכט, האט זי באמערקט א צובראכן ביין אין דעם הינדל וואס האט עס געקענט מאכן טרפה. דער רבי האט עס איבערגעקוקט. "עס איז ניט כשר!" האט ער געזאגט.

"וואס זאל איך טאן?" האט זי געפרעגט. "מיין מאן איז ניט געזונט, און מיינע קינדער זיינען הונגעריג. איך האב נישט קיין געלט קויפן נאך א הינדל."

"זארג זיך ניט מיין טאכטער," האט איר ר' לוי יצחק געענטפערט. "דער אויבערשטער וואס ער העלפט אלעמען, וועט דיר זיכער אויך העלפן. יעצט גיי אריין אין שול און הער ווי מען ליינט די מגילה."

ווען די פרוי איז ארויסגעגאנגען פון צימער, האט ר' לוי יצחק גענומען זיין מאנטעל, און ער איז געגאנגען צו זיך אין שטוב. ער האט גענומען אלע די עסן וואס זיין ווייב האט אנגעגרייט פאר די פורים סעודה דעם נעקסטן טאג: חלה, פיש, זופ, פלייש, האמענטאשן און אסאך אנדערע געשמאקע זאכן. ער האט עס אלץ ארייגעלייגט אין א ווייסן טישטאך און איז געלאפן צום שטוב פון די ארימע פרוי.

ווען ער איז אריינגעקומען, האט ער געהערט דעם קול פון דעם קראנקן מאן. "ביזט דו דאס – שרה? וואס איז געבליבן מיט דעם הינדל?"

"א פרייליכן פורים," האט ר' לוי יצחק געענטפערט. "דער אויבערשטער האט דיר געשיקט א פורים מתנה!" דער רבי האט אלץ שיין אויסגעלייגט אויפן טיש, און איז צוריקגעגאנגען אין שול.

די גאנצע קהילה האט געווארט אויף ר' לוי יצחק פארן דאווענען און מגילה ליינען. קיינער האט ניט געוואלט הערן די מגילה פון אן אנדערען, נאר פון דעם רבי'ן אליין.

יענעם יאר האט דער רבי געליינט די מגילה מיט נאך מער שמחה און כוונה, בעיקר דעם פסוק ווענגן משלוח מנות און מתנות לאביונים. יעדער איינער האט געפילט אז דער רבי דריקט אויס די וויכטיקייט פון די מצוות.

ווען ר' לוי יצחק'ס פרוי איז אהיים געקומען, האט זי געזען אז אלעס עסן וואס זי האט אנגעגרייט איז ניטא אין שטוב. ווען זי האט געזען דעם שיין אויף איר מאן'ס הייליגען פנים, האט זי פארשטאנען וואס איז דא מסתמא געשען. זי האט צוזאמענגעשטעלט א סעודה פארן נעקסטן טאג פון וואס איז געבליבן ביי איר אין שטוב.

ווען די מענטשן פון די ארימע משפחה האבן דערציילט אלע מענטשן פון שטאט אז אליהו הנביא איז געקומען אין זייער שטוב און האט זיי געברענגט א משלוח מנות פון ה', האבן די מענטשן פון קהילה פארשטאנען וואו זייער רבי איז געווען. די מענטשן פון בערדיטשעוו האבן געגעבן נאך מער צדקה אין יענעם יאר. זיי האבן געשיקט עסן צו ר' לוי יצחק פאר זיין סעודת פורים, און האבן געשיקט עסן און געלט צו אלע ארימע לייט פון שטאט.

# דער חסידישער לוח



## פרשת זכור

דעם שבת ליינען מיר פרשת זכור – די צווייטע פון די פיר ספעציעלע פרשיות וואס מען לייענט אין די שבתות ארום פורים און פסח.




אין פרשת זכור ליינען מיר ווי אזוי עמלק האט זיך געקריגט מיט אידן ווען זיי זיינען ארויסגעקומען פון מצרים, אויפן וועג קיין ארץ ישראל. ווען מיר ליינען פרשת זכור, דערמאנט דאס אונז וואס עמלק האט צו אונז געטאן, און דאס דערמאנט אונז אויך די מצוה פון אויסמעקן עמלק. דער אויבערשטער זאגט אונז אין זיין הייליגער תורה, "תמחה את זכר עמלק מתחת השמים" - דו זאלסט אויסמעקן דעם אנדענק פון עמלק.

די חכמים האבן אונז געהייסן ליינען פרשת זכור אין דעם שבת פאר פורים, ווייל המן איז געקומען פון עמלק, און פורים פייערן מיר זיין נפילה און דאס וואס דער אויבערשטער האט אונז געראטעוועט פון זיינע הענט.

די שאלה בלייבט אבער פאר אונז: ווי אזוי קענען מיר יעצט אויסמעקן עמלק? מיר ווייסן ניט פונקט ווער קומט פון עמלק, און מיר האבן ניט דעם כח אויסצומעקן (הרג'נען) א פאלק!

חסידות לערנט אונז אז מיר זאלן אויסמעקן דעם עמלק וואס געפינט זיך ביי אונז אינעווייניק.

בכדי טאן מצוות ווי עס דארף צו זיין, מוז מען האבן שמחה און חיות. עמלק איז דער יצר הרע אין אונז וואס קילט אונז אפ פון קדושה, ניט צו פילן חיות און ווארעמקייט אין אונזער עבודה. אונזער עבודה איז צו טאן מצוות דוקא מיט שמחה, און אזוי אדורך אויסמעקן דעם "עמלק" אין אונז. דורך דעם וועט דער אויבערשטער אויסמעקן עמלק פון דער גאנצער וועלט, מיט דער התגלות פון משיח נאו!

לעילוי נשמת
אאמו"ר הרה"ח התמים ר' **דובער** בן הרה"ח ר' **נפתלי**
שו"ב ע"ה יוניק
**זכה לשמש בקודש קרוב ליובל שנים**
נפטר ביום הרביעי, ט' אייר תשס"ה
נדבת בנו ר' דוד שי' יוניק ומשפחתו

# פורים שמח!

## לעבן מיט דער צייט - פורים

פורים און אידישע קינדער

פורים איז ספעציעל פארבונדן מיט אידישע קינדער. ביי דער גזירה פון המן, שטייט אין מדרש אז המן האט געזאגט "**אין אני שולח ידי תחלה אלא באלו התינוקות**" (צום אלעם ערשטן וועל איך זיך נעמען צו די אידישע קינדער). און כאטש די גזירה פון המן איז געווען אויפן גאנצן אידישן פאלק, "**מנער ועד זקן טף ונשים ביום אחד**" (פון יונג ביז אלט, קינדער און פרויען אין איין טאג), פונדעסטוועגן איז צום אלעם ערשטן האט ער געזוכט זיך טשעפען מיט אידישע קינדער.

אויך דער ביטול הגזירה איז געקומען דורך אידישע קינדער, ווי דערציילט אין מדרש, אז מרדכי הצדיק האט צוזאמענגעקליבן אידישע קינדער און מיט זיי געדאווענט און געלערנט תורה, און דער קול פון די קינדער איז ארויפגעקומען גלייך צום אויבערשטן און דאס האט געווירקט אז דער אויבערשטער זאל מבטל זיין די גזירה אויף אידן.

ואדרבה - ס'איז געווארן "ונהפוך הוא", ס'איז געווארן א שמחה, און גאר א גרויסע שמחה, די שמחה פון פורים וואס איז גרעסער ווי די שמחה פון אלע אנדערע ימים טובים.

פונקט ווי ס'איז געווען בימים ההם, אז אידישע קינדער האבן געהאט גאר א וויכטיקע השפעה אויפן מצב פון אידישן פאלק, ביז אז זייער אויפפירונג האט געבראכט צו דעם ביטול פון גזירת המן,

אזוי איז אויך בזמן הזה, ווען מ'איז אין א גוטן מצב אן חס ושלום גזירות כלל וכלל - אז די אויפפירונג פון אידישע קינדער האט א השפעה אויפן מצב פון דעם גאנצן אידישן פאלק, און אידישע קינדער דארפן טאן די זעלבע זאכן וואס די קינדער האבן דעמאלט געטאן.

מען דארף זיך צוזאמענקלייבן צוליב ענינים פון אידישקייט: דאווענען און בעטן דעם אויבערשטן פאר הצלחה אין אלע ענינים, לערנען צוזאמען תורה, און ספעציעל די הלכות וועגן בית המקדש, ווי דערציילט אין גמרא אז בזמן מרדכי האבן די אידישע קינדער געלערנט דינים וועלכע זיינען פארבונדן מיטן בית המקדש.

און דאס אליץ אין אן אופן פון "**כנוס את כל היהודים**" צוזאמענקלייבן זיך אלע אין איינעם, מיט קירוב הלבבות,

און בשעת אידישע קינדער זיינען אלע צוזאמען און לערנען תורה און זיינען מתפלל צו דעם אויבערשטן - נעמט דער אויבערשטער אן זייער בקשה, און אין צוגאב צו אלע ברכות וואס זיי באקומען פון דעם אויבערשטן, קומען אראפ דעם אויבערשטנ'ס ברכות אויך צו דעם גאנצן אידישן פאלק - צו זייערע עלטערן, צו זייערע מורים און מורות און צו אלע אידן - אין די אלע גוטע זאכן וואס זיי נויטיקן זיך.

און דורך דעם ווערט בא יעדערן פון אונז און ביי אונז אלעמען צוזאמען "אורה ושמחה וששון ויקר".

*(פון "דער רבי רעדט צו קינדער" - שיחות י"ב אדר - תשל"ט, תשמ"ב. ר"ח ניסן תשמ"ב. ט"ז אדר תשמ"ג. י' אדר שני תשד"מ)*

## געדענקט צו טאן אלע מצוות פון פורים!

### תענית אסתר

מען פאסט אויף תענית אסתר (פון בר/בת מצוה און).

- ☐ איך האב געגעבן דריי האלב–דאלער מטבעות צו צדקה פאר מנחה.

### פורים




- ☐ מאנטאג ביי נאכט האב איך געהערט
- ☐ יעדעס ווארט פון דער מגילה און געקלאפט ביי המן.
- ☐ דינסטאג האב איך געהערט יעדעס ווארט פון דער מגילה און געקלאפט ביי המן.
- ☐ איך האב געגעבן מתנות לאביונים צו צוויי ארימע לייט.
- ☐ איך האב געגעבן משלוח מנות מיט צוויי באזונדערע סארטן עסן/ געטראנק צו א פריינט.
- ☐ איך האב געזאגט על הניסים אין שמונה עשרה און אין בענטשן.
- ☐ איך האב געגעסן א פורים סעודה און געמאכט דאס זייער לעבעדיק!

### האסטו געוואוסט?



- *אז אין מגילת אסתר שטייט ניט דער נאמען פון ה' אפילו איין מאל!*
- אז אלע אותיות פון אלף בית קען מען געפינען אין איין פסוק אין דער מגילה - פרק ג' פסוק י"ג!
- **אז דאס ווארט משתה שטייט 20 מאל אין דער מגילה - פונקט אזוי פיל מאל ווי עס שטייט אין גאנץ תנ"ך!**
- אז דער לענגסטער פסוק אין תנ"ך געפינט זיך אין מגילת אסתר. - פרק ח, פסוק ט. ער האט 43 ווערטער!




- אז "ארור המן" און "ברוך מרדכי" באטרעפןביידע בגימטריא 502!

TEST YOUR KNOWLEDGE

# פרשת תרומה

**פאקס צוריק די פאפיר צום שלוחים'ס אופיס פאר מיטוואך,**
**און דו קענסט געווינען א פרייז! (718-221-0985)**

**דאס זיינען פאקטס פון דער מגילה. אין יעדען ארט וואו עס שטייט "האמענטאש" דארפסטו אריינלייגן דאסווארט וואס גייט אריין דארטן. הצלחה רבה!**

## שאלות

*די זיינען ענינים פון דער מגילה. אין יעדער פלאץ וואו עס שטייט המנטאש דארפסטו אריינלייגן די ווארט וואס גייט אריין. הצלחה רבה!!*

1. אחשורוש איז געווען דער קעניג פון המנטאש מדינות.
2. אלע אידן אין צייט פון פורים האבן געלעבט אונטער המנטאש.
3. המנטאש איז געווארן דער נייע קעניגן.
4. זי איז באווארנט געווארן דורך מרדכי ניט זאגן אז זי איז א המנטאש.
5. המן האט גענומען א המנטאש צו באשליסן ווען צו מאכן די גזירה.
6. ער האט באשלאסן מאכן די גזירה אין חדש המנטאש.
7. אסתר האט געבעטן אלע אידן צו המנטאש פאר דריי טעג.
8. דער אויבערשטער האט צוגעהערט צו די המנטאש פון די אידן.
9. המנ'ס המנטאש האט געווארפן מיסט אויף אים.
10. מרדכי איז דורכגעגאנגען די גאסן פון שושן אויף א המנטאש.

*די אידן זיינען געראטעוועט געווארן און יעצט עסן מיר המנטאשן!!*

.1 ______________ .2 ______________ .3 ______________ .4 ______________

.5 ______________ .6 ______________ .7 ______________ .8 ______________

.9 ______________ .10 ______________ .11 ______________

**דער געווינער פון פרשת תרומה: מוסי גרינבערג, 6**

הצלחה רבה

נאמען: ______________________ ווי אלט: _____

אדרעס: ______________________

______________________

אימייל: ______________________